שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד"

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
**ואהבת לרעך כמוך**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

**מאמר מ'**

חודש ניסן שנת תשפ"ה לפ"ק

**זכות הדפסה והפצה בעיר וויליאמסבורג**
**נתנדב ע"י**
מוה"ר **צבי אלימלך זילבערשטיין** הי"ו
**לע"נ אביו**
הרב ר' **ישראל ב"ר שמעון** ז"ל
**יארצייט שלו חל ביום שבת קודש - ז' ניסן**

אזוי ווי די הוצאות שטייגן כסדר, ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען זאל
**זיך משתתף זיין בעין יפה כדי מיר זאלן קענען ווייטער ממשך זיין ביתר שאת**
איר קענט אריינרופן אין אפיס **718-586-5199** אדער טעקסטן צו **347-292-1014**
אדער אטעמאטיש דורך רופן **845-366-2793 #6054**

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות
**קול דורשי יחודך**
**718-586-5199**
**בא"י 0765997840**
~ ~ ~
ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com
וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של $20 עבור הוצאת עריכת הקונטרסים
נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

©
כל הזכויות שמורות

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


קיינמאָל נישט זאַט.........א
א סעודה אָן ברויט?.........ג
אידן, נעמט איך אָן פאר מיר!.........ד
אויף איין פוס.........ז
יעקב פריידט זיך מיט עשו.........ט
ווי קען איך מאכן א 'פדיון הבן'?.........יב
זיי ארבעטן אומלעגאל.........יג
דער אויבערשטער מאכט היינט גוט פרנסה.........טו
דאס שטייפער פאלק!.........טז
נישט געלאזט זאגן דער קינה.........יז
נישט געקענט אנדערש מקבל זיין דער תורה.........יח
אידן זענען העכער ווי 'בנים למקום'!.........כ
א טאטע וויל זיין קינד זאל זיין גוט.........כג
טוה תשובה אָן האַרץ.........כה
וואס אברהם אבינו האט מעגליך נישט געוואוסט.........כו


**חלק מהוצאות נתנדב**

**לע"נ שר הצדקות והחסד**

הרה"ח ר' **חיים דוב (בער)** ע"ה ב"ר **חנני יו"ט** הי"ו

**(מייזעלס)**

# עמודי התווך

בס"ד

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם, אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב, להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה, להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **ישכר דוב קויפמאן** הי"ו

ואחיו מוה"ר **אברהם שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **צבי קליין** הי"ו

מוה"ר **שלמה פעדער** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **יואל הירשפעלד** הי"ו

מוה"ר **יודא ארי' מיללער** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם, עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# מאמר מ'

## 'ואהבת לרעך כמוך'

### מלוה מלכה וסעודת הכנסת ספר תורה בעיה"ק טבריא יצ"ו
### מוצ"ש בחוקותי שנת תשס"ה לפ"ק

**קיינמאָל נישט זאַט**

עס איז דא א פסוק אין קהלת[א]: **"אֹהֵב כֶּסֶף לֹא יִשְׂבַּע כֶּסֶף"**; די "דברי שלמה" איז דאך אלעמאל א משל מיט א נמשל; זאגט די **גמרא** אויף דעם אין מכות[ב] - דאס איז משה רבינו; וואס 'מי לנו' וואס איז געווען גרויס אין מצוות ווי משה רבינו, און עם־כל־זה; עס איז פארהאן א דין ביי די 'שש ערי מקלט' אז אויב מען איז מקַדש איין עיר מקלט און נאך אַן עיר מקלט, איז נאך נישט חל די קדושה; ערשט ווען מען איז מקַדש דעם זעקסטן, דעמאלס איז חל די קדושה אויף אלע זעקס - די גמרא לערנט עס ארויס פון א פסוק.

איז משה רבינו האט דאך איינגענומען דעם 'עבר הירדן', און דארטן האט ער מקַדש געווען - **"אָז יַבְדִּיל מֹשֶׁה שָׁלֹשׁ עָרִים בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן"**[ג] - דריי ערי־מקלט; משה רבינו האט געוואוסט אז עס איז נאך נישט חל די קדושה אויף דעם, און עם־כל־זה האט ער אריינגעכאפט און

---

**א.** ה', ט'.

**ב.** דף י' ע"א, וזל"ש: דרש רבי סימאי, מאי דכתיב "אוהב כסף לא ישבע כסף ומי אוהב בהמון לא תבואה". "אוהב כסף לא ישבע כסף" - זה משה רבינו, שהיה יודע שאין שלש ערים שבעבר הירדן קולטות עד שלא נבחרו שלש בארץ כנען, ואמר, מצוה שבאה לידי אקיימנה.

**ג.** דברים ד', מ"א.

עס מקַדש געווען, ווייל נאך דעם וואס מען וועט איינעמען ארץ ישראל און מען וועט מקַדש זיין די אנדערע דריי ערי מקלט, וועט חל זיין די קדושה אויף דעם אויך.

פארוואס האט ער עס געטון? זאגט די גמרא, "אוהב כסף לא ישבע כסף"; אז איך קען נישט טון די גאנצע מצוה - זאל איך כאטש טון א שטיקל מצוה, עפעס טון אויף דער וועלט[ד].

משה רבינו איז געווען אזוי רייך פון מצוות - און עם־כל־זה האט ער געוואלט ארייַנכאפן נאך א מצוה - ער האט דאך געוואוסט די גרויסקייט פון א מצוה!

---

**ד.** עיין אוסף מכתבים (חלק א׳ מכתב ס״ב) וז״ל מורינו הגה״צ שליט״א: וחז״ל אמרו (מכות י׳ ע״א) על הפסוק **"אוהב כסף לא ישבע כסף"** (קהלת ה׳, ט׳) זה משה רבינו, שהיה יודע שאין שלוש ערים שבעבר הירדן קולטות עד שלא נבחרו (נתקדשו) שלוש בארץ כנען, אעפי״כ אמר, אם אינני יכול לקיים מצוה שלמה, לכל הפחות אחטוף חצי מצוה, והחצי הזה של המצוה חטף בסוף ימיו שכבר זכה למה שזכה. ואילו בלעם הרשע צפה והתקנא בישראל ואמר **"מי מנה עפר יעקב"** (במדבר כג, י׳) ופרש״י, המצות שמקיימים ע״ש.

אולם יש תיקונים כאלו שהאדם עסק כבר בזה מימים קדמונים בגלגולים הראשונים, שבר כבר את הקליפות הקודמות להפרי והכניע כבר את הרע הסובב את הטוב, לכן הוא זוכה בגלגול הזה יותר בקל לעמוד בכמה נסיונות, ויותר פשוט לו לעמוד בנסיון זה מאשר לאחרים אשר קשה וכבד עליהם מאד. וכל זה כי בזה הוא כבר זכה וכבש את המלחמה מזמן רב בגלגולים הקדמונים. אולם גם על זה יש להם מקטרגים ואורבים כדי להפילם גם מזה ולהגביר עליהם את הקליפות ולהכשילם מחדש ח״ו. וצריכים להיות חזקים בזה, לעמוד על עמדם כדי שהס״א לא יפילו גם אותם מחדש, וכבר אמרו ז״ל (אבות ג׳, ד׳): ׳אל תאמין בעצמך עד יום מותך׳.

אולם יש שהולך להם הרבה ענינים יותר קל מאשר לאחרים, גם ע״ז אמר רבינו ז״ל (לקו״מ ח״ב סי׳ מח) ש"צריך להיות עקשן גדול בעבודת השם לבלי להניח את מקומו, דהיינו מקצת עבודתו שהתחיל", ולא ליפול משום מכשול ח״ו, ומשום מעשה בעל-דבר שבעולם.

והכלל הוא, שכל דבר שזוכה האדם לעבוד את השי״ת, אפילו אם זה הולך לו בקל, ע״י זה הוא נכנס בתוך הקדושה, ועושה לעצמו בסיס בקדושה ובעבודה, וע״י זה שעומד על עמדו בזה, יזכה לכבוש גם שאר המקומות שעוד לא זכה לזה והדבר מובן (שיש ע״ז עוד הרבה ענינים נפלאים בלי שיעור שנופל כמה קושיות שיש ע״ז, וע״י עוד ידיעות נופלות כל הקושיות).

עס ווערט געבראכט, דאכט זיך אין **אר"י הקדוש** אין **ליקוטי הש"ס**[ה], דער **צמח צדק** ברענגט עס אויך אראפ אין **דרך מצותיך**[ו], משה רבינו האלט אין איין משיג זיין די סודות פון די מצוות שוין עטליכע טויזנט יאר - און ער האט נאך אלץ נישט דערלאנגט דער סוף פון די סודות פון די גרויסקייט פון די מצוות!

אז עס קומט פון אויבערשטן אליין - איז דאך עס אין־סוף; ממילא האלט ער אין איין משיג זיין - און ער האט נאך אלץ נישט דערלאנגט דעם סוף! אזוי גרויס זענען די מצוות ה' אויף דער וועלט, וואס מיר האבן דעם זכות עס צו מקיים זיין און ווערן מקושר מיט דעם צום אויבערשטן 'לעולמי עד ולנצח נצחים'!

## א סעודה אָן ברויט?

דער אנדער האלב פון דעם פסוק "אוהב כסף לא ישבע כסף", איז "**וּמִי אֹהֵב בֶּהָמוֹן לֹא תְבוּאָה**" - ווער האט ליב א גרויסע סעודה - און ביי די סעודה וועט נישט זיין קיין ברויט? "מי אוהב בהמון" - ווער האט ליב אסאך עסן - "לא תבואה" - אָן ברויט? אָן קיין ברויט איז נישטא קיין 'שובע' אין קיין עסן - דאס איז דער פשט.

וואס איז דער נמשל? זאגט **רש"י**, ווער האט ליב אסאך מצוות - און ביניהם זאל נישט זיין קיין 'כתיבת התורה ובנין בית המדרש' - אט דאס איז דער פשט לויט רש"י; "מי אוהב בהמון" - ווער האט ליב זייער אסאך מצוות, וביניהם זאל נישט זיין א 'מצוה לדורות'.

---

**ה.** עיי"ש על מס' ברכות: "ת"ח אין להם מנוחה לא בעוה"ז ולא בעוה"ב. הענין כי בעולם שלאחר המיתה ת"ח עוסקים בתורה ועולין ממדרגה למדרגה ומישיבה לישיבה כי **אפילו משה רבינו ע"ה בכל יום ויום עולה ומשיג יותר** כי כמו שהשי"ת אין לו סוף כך תורתו אין לה סוף".

**ו.** וזל"ש במצוות פריה ורביה דף ד' ע"ב: ומה שמובן קצת ענינו ע"ד הנ"ל הוא באמת רמז וכטיפה מאוקיינוס בלבד ויותר מזה, כי אין ערוך ממש שהרי אין האדם בעל חומר משיג רוחני' **והרי מרע"ה זה ג' אלפים שנה בג"ע וכל שעה הוא הולך מחיל בעומק ההשגה בטעמי המצות ועכ"ז נאמר עליו לכל תכלה ראיתי קץ והמצוה עצמה רחבה מאד** (תלים קי"ט צ"ו) כי יש בה עילוי אחר עילוי כו'.

עס איז דא א מדרש, א **ספרי**[ז]; סתם ספרי איז דאך רבי שמעון[ח]; משה רבינו האט געזאגט צו כלל ישראל, "איך בעט אייך, זייט ממשיך עוסק צו זיין בתורה, זייט ממשיך צו לערנען תורה - וועל איך אייך שטארק מחזיק טובה זיין (- כי על ידכם יהיה לתורתי המשך וקיום לדורות הבאים); און צו אייערע קינדער און אייערע תלמידים זאלט איר אויך אזוי זאגן - 'אז זיי זאלן ממשיך זיין צו עוסק זיין בתורה און מקיים זיין דער תורה - און אז איר וועט זיי אסאך מחזיק טובה זיין'!".

פירט אויס דער ספרי: '**משה גדול היה; ואין תורתו שוה**' אויב עס וועט נישט זיין אייביג!

קומט אויס, א איד האט צוויי עבודות אויף דער וועלט; סיי אויף 'סור מרע ועשה טוב' אויף דער 'מחשבה דיבור ומעשה' ביי זיך - נישט צו טון קיין שלעכטס נאר טון גוטס (- דאס איז איין זאך); און סיי טון פעולות אז די תורה זאל זיין אייביג - דאס איז א צווייטע פעולה.

אט דיביידע פעולות דאס איז א גוטע סעודה, דאס איז די גרעסטע רייכקייט וואס מען האט 'לעולמי עד ולנצח נצחים'!

## אידן, נעמט אייך אָן פאר מיר!

אויף 'שנאת עמלק' - זאגט דער **רמב"ם**[ט] און נאך ראשונים - "**מצוה לשנאתו**" - עס איז א מצוה אים פיינט צו האבן; דאס איז 'מידה כנגד מידה'.

איך זאג אלעמאל; בשלח איז דאך א גרויסע סדרה; אין אנהויב בשלח שטייט[י]: "**ה' יִלָּחֵם לָכֶם וְאַתֶּם תַּחֲרִשׁוּן**", און אין סוף בשלח

---

**ז.** פר' האזינו פס' ל'.

**ח.** סנהדרין פ"ו ע"א.

**ט.** בספר המצוות שלו - מצוות לא תעשה, מצוה נ"ט; ובמצוות עשה, מצוה קפ"ז - קפ"ט.

**י.** שמות יד, י"ד.

שטייט[יא]: "**וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל יְהוֹשֻׁעַ צֵא הִלָּחֵם בַּעֲמָלֵק**". לכאורה איז עס א סתירה, מען דארף זיך יא שלאגן צי מען דארף זיך נישט שלאגן?

נאר דער כלל איז, ווען צוויי גוטע פריינד מאכן א 'ברית עולם', איז ווי דארף עס זיין? אז מען טשעפעט אים - דארף יענער זיך אננעמען, און אז מען טשעפעט יענעם - דארף ער זיך אננעמען; אט דאס הייסט א 'ברית עולם'.

דער אויבערשטער האט געמאכט מיט אונז א 'ברית עולם' ביי אברהם אבינו, און באנייט דעם ברית ביי 'קבלת התורה', און עס נאכאמאל באנייט 'כמה וכמה פעמים'.

איך זאג אלעמאל, פארוואס דארף מען מאכן א ברית? אויב מיר זענען גוטע פריינד - וועסטו זיין גוט פאר מיר און איך פאר דיר, צו וואס דארף מען האבן א ברית? נאר אמאל ווערט א ירידה, עס ווערט אַן העלמה; ממילא, א 'ברית עולם' איז, צו איך שפיר - צו איך שפיר נישט, אבער איך טו פאר דיר און דו טוסט פאר מיר.

א ברית איז דאך א שבועה. אז עס גייט מיט א 'ברית', מיט א שבועה, מוז מען עס מקיים זיין אפילו מען שפירט נישט. עס גייט דאך אמאל איבער א העלמה; ווען עס וואלט אלעמאל געווען ליכטיג און מען וואלט געשפירט איינער דעם צווייטן, וואלט מען דאך נישט געדארפט 'כורת ברית' זיין אויף דעם[יב].

---

**יא.** שמות יז, ט'.

**יב.** עיין ליקוטי תורה (בעל התניא) פר' נצבים: "לעברך בברית". והענין כמו למשל שני אוהבים שכורתים ברית ביניהם שלא תפסוק אהבתם **שאילו היה הדבר שהאהבה תלויה בו קיים לעד לא היו צריכין לכריתת ברית ביניהם**, אלא לפי שיראים שמא יבוטל הדבר ובטלה האהבה או שמא יגרום איזה מניעה מבחוץ. וע"י כריתת הברית תהיה אהבתם אהבה נצחית בל תמוט עולם ועד ולא יפרידם שום מניעה מבית ומחוץ. והיינו מפני שעושין ביניהם קשר אמיץ וחזק שיתייחדו ויתקשרו באהבתם בקשר נפלא ולמעלה מן הטעם והדעת שאף שע"פ הטעם והדעת היה צריך לפסוק האהבה או לגרום איזה שנאה אעפ"כ מחמת הכריתות ברית מוכרח להיות אהבתם לעד קיימת ועל כל פשעים תכסה אהבה זו וקשר אמיץ זה לפי שבאו בברית והתקשרות כאילו נעשו לבשר אחד. וכמו שלא יוכל לפסוק אהבתו על עצמו

על־כל־פנים, אז פרעה האט זיך געטשעפעט מיט די אידן, האט דער אויבערשטער געזאגט: "ה' ילחם לכם ואתם תחרישון".

אבער עמלק האט דאך געוואלט צעשטערן דעם קשר וואס אידן האבן מיט'ן אויבערשטן 'לעולמי עד ולנצח נצחים'. ער האט דאך געוואוסט אז אויב עס וועט זיין קבלת התורה וועט זיך שוין אלעס נייגן, ווייל די תורה אליין וועט אריינגעבן א קדושה אין כלל ישראל, [אזוי ווי מיר האבן גערעדט דעם שבת, אז רבי שמעון האט מבטיח געווען "**כִּי לֹא תִשָּׁכַח מִפִּי זַרְעוֹ**"[יג]], וואס ממילא וועט דער ברית זיין אויף אייביג - אט דאס האט דאך עמלק געוואלט צעשטערן, דעם גאנצן תכלית פון 'כל הבריאה' אז כלל ישראל זאל זיין מיטן אויבערשטן לעולמי עד!

(עמלק האט געזען אז) ערשט וועט דער אויבערשטער אויספירן "**עַיִן לֹא רָאָתָה אֱלֹקִים זוּלָתְךָ**"[יד] - 'אפילו עין של נביאים'[טו], וואספארא נועם, וואספארא זיסקייט עס וועט זיין בשעת מען וועט אויספירן דער זאך - אט דאס האט עמלק געוואלט צעשטערן.

איז פשט, ער האט געוואלט מצער זיין דעם אויבערשטן כביכול!

אזא כח הטומאה איז דא אויף דער וועלט - מען קען וועלן פונקט פארקערט ווי וואס דער אויבערשטער וויל רחמנא לצלן[טז] - אט דאס איז דער כח הטומאה; "**זֶה לְעֻמַּת זֶה עָשָׂה הָאֱלֹקִים**"[יז].

---

כך לא יפסוק מעל חבירו. ולכן נקרא בלשון כריתות ברית כמ"ש אשר כרתו את העגל ויעברו בין בתריו, כלומר, להיות שניהם עוברים בתוך גוף אחד להיות לאחדים.

**יג.** דברים לא, כא. עיין ריש ספה"ק ליקוטי מוהר"ן מה שפי' רבינו על זה.

**יד.** ישעי' סד, ג'.

**טו.** סנהדרין צ"ט ע"א.

**טז.** עיין ליקוטי הלכות בראשי פרקים להל' רבית ה"ה, וזל"ש: **מה שיש בחירה לאדם שיהיה לו איזה שינוי רצון ח"ו נגד רצון ה' יתברך, שזהו פליאה גדולה איך שייך זאת**, אך זהו עיקר נפלאות נוראות הבחירה, **שזה הפלא הגדול מכל יצירת מעשה בראשית** שברא ויצר ועשה בעליונים ובתחתונים, כמו שמבואר במקום אחר, ע"כ. גם עיין ליקוטי תפילות, תפילה קכ"ט:

איז וויבאלד ער האט געוואלט צעשטערן דעם 'ברית עולם' - **"אידן, נעמט זיך אָן! ער וויל אייך אפרייסן פון דעם אויבערשטן! ער וויל צעשטערן דעם אויבערשטנ'ס כוונה פון דער גאנצע בריאה!"** דעמאלס איז - "צא הלחם בעמלק". דאס הייסט, אז עמלק וויל טשעפען דעם אויבערשטן כביכול, דארפן מיר זיך אננעמען.

## אויף איין פוס

על־כל־פנים, ברוך ה', דער אויבערשטער האט אונז מזכה געווען דעם שבת, א איד האט געענדיגט א ספר תורה. קודם האט מען געענדיגט דעם ספר תורה, און יעצט איז א סעודה ערשט. [חוץ פון דעם איז עס איז א מלוה דמלכה, וואס מלוה דמלכה איז גאר דער תכלית השלימות פון אלע דריי סעודות, מען טאר נישט מזלזל זיין אין מלוה דמלכה. אבער צו דעם אלעם איז דא ערשט אַן ענין פון שמחת התורה] וואס א איד האט געשריבן נאך א תורה אויף דער וועלט!

א מצוה לדורות!

דאס איז א געוואלדיגער שכר!

דער גר האט געזאגט (- להלל הזקן)[יח]: **"גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחת"**. האט ער אים געזאגט[יט]: **"וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ"**.

---

זה הענין של **כח הבחירה** שנתת להאדם הוא פלאי פלאות, **הפלא הגדול** שבכל פלאות בריותיך שבראת בכל העולמות (כמובא בכמה ספרי קודש) **כי אין דבר נפלא ונורא ונעלם ונסתר בכל הבריאה של כל העולמות, כמו זאת הפליאה הנשגבה והחידוש הנפלא והנעלם שיהיה נמצא נברא בעולם בכוחך, שיהיה לו כח הבחירה לבחור בדרך שהוא רוצה, שיהיה לו כח לעשות רצונך או כנגד רצונך ח"ו**, ועל זה אמר דוד המלך עליו השלום "נוראות נפליתי נפלאים מעשיך ונפשי ידעת מאד פליאה דעת ממני נשגבה לא אוכל לה אנה אלך מרוחך ואנה מפניך אברח", ע"כ. [עיין רמב"ן עה"ת שמות יד, ד עה"פ וחזקתי את לב פרעה].

**יז.** קהלת ז, י"ד.

**יח.** עיין גמ' שבת לא ע"א.

**יט.** ויקרא יט, י"ח.

פארוואס איז דאס 'כל התורה כולה'?

נאר עס איז פארהאן א כלל, מיר האבן א געוואלדיגע אחדות איינער מיטן צווייטן; אז א איד טוט א מצוה - און איך פריי זיך אז א איד האט געטון דער מצוה, איך האב א שמחה פון דעם; צי אז מען גייט דורך א שול און מען הערט א 'יהא שמיה רבא' ווי עס דארף צו זיין - און איך פריי זיך אז דער אויבערשטער האט אזא איד וואס ענטפערט אזא 'אמן יהא שמיה רבא' אין אזא מין הסתר פנים; איז דאס א גרויסער זיכוך וואס ער האט געטון[כ]; אז איך האב ליב יענעם פאר דער מצוה - האב איך יענעמ'ס מצוה ממש!

יעדע מצוה איז כלול פון אלע תרי"ג מצוות; די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך" איז - מען האט ליב אַן ערליכן אידן; אז מען זעט יענער היט די אויגן - 'ברוך ה' וואס דער אויבערשטער האט אידן וואס זענען אים ממליך'; מען ווערט נכלל אין אים; מען האט שכר אזוי ווי איך וואלט עס אליין געטון. אט דאס איז די סגולה פון "ואהבת לרעך כמוך" וואס איז כולל 'כל התורה כולה'[כא].

דאס איז א געוואלדיגע זאך. דער יצר הרע רעדט איין - 'יענער האט א חסרון, דער האט א חסרון'; וואס האב איך אז יענער האט א חסרון? וועגן דעם ווער איך גליקליך מיט דעם?! איז אז מען

---

**כ.** עיין שיחות הר"ן אות קי"ט: והפליג בתנועתו למעלה גדולה מאד כשאוחזין בזה. דהיינו **כשאוחזין בזה שהוא מרוצה וחפץ ומשתוקק מאד שחבירו יהיה איש כשר וצדיק - אף על פי שהוא לא יהיה ח"ו - זהו מעלה גדולה מאד.** גם נזכרתי שאמר אז זה הלשון: שהוא מרוצה **אף על פי שאני איני זוכה חס ושלום לעבוד את ה' על כל פנים יעבוד ישראל השני את השם יתברך. זהו דבר גדול מאד כשאוחזין בזה. כך שמעתי מפיו הקדוש.**

**כא.** ביאור ענין זה שע"י אחדות ישראל אזי כאילו קיים כל התורה כולה ושזהו ביאור דברי הלל להגר, מבואר באריכות בהרבה ספה"ק ובפרט בישמח משה פר' שמות ד"ה 'ועַד השלישי'; ובייטב לב פר' משפטים ד"ה והנראה לי בזה עפ"י מה דאיתא בשבת פרק במה מדליקין; שם פר' תרומה ד"ה ונראה לי על פי מה שפירשו הגמרא (שבת לא.) מעשה בגר; שם פר' שלח ד"ה וכי יגור אתכם גר; ובקדושת יו"ט פר' יתרו ד"ה וישמע יתרו (אופן ג').

פריידט זיך מיט די עבודת ה' פון יעדן אידן, איז דאס אזוי ווי איך וואלט עס געטון[כב].

## יעקב פריידט זיך מיט עשו

עס איז א שכל הפשוט, אז א מענטש האט ליב זיין טאטן און מיין טאטע דארף האבן א גרויסע טובה וואס איך קען עס אים נישט טון - און א צווייטער האט עס אים געטון, האב איך דאך ליב דעם אידן וואס ער האט עס געטון; וואס הייסט, ער האט דאך ארויסגעהאלפן מיין טאטן. קומט אויס, אויב האסטו יענעם ליב - ביסטו חשוב אזוי ווי דו האסט עס אליין געטון.

עס איז דא א ספר **אגרת הטיול** פון דעם מהר"ל מפראג'ס א ברודער. ער איז געווען א חבר מיטן רמ"א. ער האט געהאט גילוי אליהו. איז פארהאן א ספר 'אגרת הטיול' - שיינע ווערטער פון אים אין 'פשט רמז דרוש סוד'; עס איז דא דערויף א פירוש פון אַן אונגערישער רב - דער שאמלויער רב, דאכט זיך עס רופט זיך "טיול בפרדס".

---

**כב.** עיין עטרת ישועה (דזיקוב) שביאר ג"כ ענין זה ושייכותו להכנסת ספ"ת, וז"ל (חלק המועדים - לנתינת ספר תורה): אמרו ז"ל בהאי גר שבא לפני שמאי ואמר **למדני כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחת, דחפו באַמת הבנין שבידו, והלל אמר לו ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה** [שבת לא.]. להבין מדוע שמאי דחפו והלל קרבו. נראה על פי מה שהקשה בשל"ה [עיין בעשרה מאמרות מאמר ו אות ג] ובשאר ספה"ק, איך באפשרי לאדם לקיים כל התרי"ג מצוות. ויש תירוצים על זה, האחד, שעל ידי גלגול יכול לקיים כולם. ועוד על ידי אהבת ישראל, וכל אחד בעת שעושה מצוה כולל עצמו בכלל כל ישראל [עיין בשער הגלגולים הקדמה ל'; ובשער הפסוקים תהילים מזמור יט; ועיין בישמח משה פרשת שמות דף קכא ע"ב]. ובזה מפרש הרב בעל לוית חן [בפרשת קדושים בד"ה ואהבת לרעך כמוך, מובא בספר נועם מגדים דף פד בסוף פרשת בשלח עה"פ על ריב בני ישראל] מאמר חז"ל הנ"ל בהאי גר שאמר 'למדני כל התורה כולה כשאני עומד על רגל אחת', היינו בגלגול אחד, והלל אמר ליה 'ואהבת לרעך כמוך זה כלל גדול בתורה', היינו, על ידי האהבה שכולל עצמו עם כללות ישראל יכול לקיים כל המצוות בגלגול אחד, עיין בדבריהם. **והנה עיקר אהבה ניכר כשישראל עושין אחדות בקיום מצות כתיבת ספר תורה** שהיא כוללות כל התורה, וכותבין ספר תורה בשותפות, **מזה ראיה שיכולין לקיים כל המצוות על ידי אהבת ישראל.**

ברענגט ער דארט אראפ[כג], עס איז דא א חז"ל אז לעתיד וועט עשו קומען און פרעגן צו מען דארף מקיים זיין דער גאנצע תורה, צי א חלק תורה איז אויך גוט? ווייל אויב דארף מען מקיים זיין דער גאנצער תורה, איז יעקב'ן האט געפעלט 'כיבוד אב'; אויב האט מען נישט געדארפט מקיים זיין דער גאנצער תורה - דארף איך שכר פאר 'כיבוד אב'. עשיו האט דאך מקיים געווען מיט א מורא'דיגן שלימות 'כיבוד אב', ער פלעגט משמש זיין יצחק'ן 'בבגדי מלכות ובכל מיני כבוד'[כד].

דאס וועט עשו פרעגן, אויב מען האט געדארפט מקיים זיין דער גאנצער תורה, איז פארוואס גיט מען יעקב'ן שכר - ער האט דאך פארפעלט 'כיבוד אב'? און אויב האט מען נישט געדארפט מקיים זיין דער גאנצער תורה - איז גיט מיר שכר פאר מיין 'כיבוד אב'.

וועט מען זאגן: "יעקב, ענטפער אים". וועט יעקב ענטפערן: **"אני אהבתיך - ואתה שנאתני"**.

זאגט ער, וואס איז דער פשט? נאר, איך בין געווען פארוואלגערט ביי לבן'ען - אָה-הָא ווי בין איך געווען פארוואלגערט... עס איז מיך טאקע איבערגעאנגען, אבער איך האב זיך געפריידט, 'ברוך ה' - איך האב א ברודער וואס באדינט מיין טאטן פיר-און-צוואנציג שעה א מעת לעת' - איך האב הנאה געהאט.

---

**כג.** כעת לא מצאנו את זה שם בהדפוסים שלנו. אבל מדרש פליאה זו וביאורו בדרך זו, מובא בכמה ספרים בשם בעל האוהב ישראל; ר' שמואל קאמינקער; ר' שמעלקא מניקלשבורג; מובא גם בחתם סופר החדש פר 'ויחי'; ובספר ליקוטים מפרדס, ועוד. וזה תמצית לשון המדרש המובא בכל הספרים: **כשמת יעקב בא עשו ואמר לו, בא עמי לגיהנם או אני אלך עמך לגן עדן. אמר לו יעקב אני אהבתיך ואתה שנאת אותי**, עכ"ל המדרש.

**כד.** עיין בראשית רבה סה, טז: אמר רבי שמעון בן גמליאל, כל ימי הייתי משמש את אבא - ולא שימשתי אותו אחד ממאה ששמש עשו את אביו! אני בשעה שהייתי משמש את אבא הייתי משמשו בבגדים מלוכלכין, ובשעה שהייתי יוצא לדרך הייתי יוצא בבגדים נקיים. אבל עשו בשעה שהיה משמש את אביו לא היה משמשו אלא בבגדי מלכות, אמר, אין כבודו של אבא להיות משמשו אלא בבגדי מלכות.

איך האב געוואוסט אז דער טאטע איז דער 'צדיק יסוד עולם'. עס שטייט אז עס זענען דא אזעלכע נשמות וואס רופן זיך **"אחים ורעים למקום"** - און די נשמה פון יצחק'ן איז איינע פון די נשמות; אזוי אויך פון חבקוק; ווער האט א השגה אין יצחק אבינו?!

איז מיט דער נקודה האב איך דיר ליב געהאט - איך האב זיך געפריידט אז דו ביסט מַשלים וואס איך קען נישט; ממילא, אז איך האב זיך געפריידט - האב איך דיין 'כיבוד אב' אזוי ווי איך וואלט עס געטון.

אבער פארוואס האסטו מיר נישט ליב געהאט פאר מיין קדושה און פאר מיין עבודה?!

יעקב אבינו איז דאך געווען דער 'בחיר שבאבות'! יעקב אבינו איז צוגעקומען צו דער דרגא פון 'אדם הראשון קודם החטא'! איז פארוואס האסטו דיך נישט געפריידט?!

איז איך האב דיין טוב, און דו - מיין טוב האסטו נישט.

דאס איז א געוואלדיגער כלל![כה].

---

**כה.** עיין אוסף מכתבים (חלק א' מכתב כ"ז) וז"ל מורינו הגה"צ שליט"א: ורבינו גילה בליקוטי מוהר"ן (עיין תורה ח' אות ו') וכן גם בשיחות (שיחות הר"ן אות כ"ט) כמה תיקוני הנפש שנעשין על ידי לימוד הלכות. וכל מה שגילה רבינו הם תיקונים להנפשות בעקבתא דמשיחא. ורואין בחוש שבירור הלכה קשה מכולם, וכן איתא בגמ' (שבת קלח קלט) **'שלא ימצאו הלכה ברורה ומשנה ברורה במקום אחד'.**

וחנני ה' לומר, שמכיון שהגמרא הק' הנ"ל גילתה שתהיה פורענות בעקבתא דמשיחא, מה הכונה בזה, האם להיות בעצבות עי"ז ח"ו. ובודאי ספונה טמונה העצה בתוך לשון קדשם 'שלא ימצאו הלכה ברורה ומשנה ברורה במקום אחד'. ונפל בדעתי, שמכיון שהלשון הוא: שלא ימצאו הלכה ברורה ומשנה ברורה "במקום אחד" - ללמד את האדם שצריכים לחפש טוב בהרבה מקומות, לא רק במקום אחד, שבכל מקום צריכים להמנע מלהסתכל על הרע, ולראות את הטוב ואת הישר הנמצא שם.

כלומר, לברר מכל אחד ואחד את הנקודה הטובה, נקודת ההלכה הברורה שיש בו, כגון מזה שמירת עינים, ומזה שמחה, מזה ענוה, ומזה אמונת צדיקים, ולהשמיט את הרע ואת הטעות שנמצא בו, כי איזה עסק יש לי עם הרע, כי הרי עיקר ביאתי לזה העולם הוא לברר את הטוב ולאהוב את הטוב.

**ווי קען איך מאכן א 'פדיון הבן'?**

**רבי חיים וויטאל** זאגט דאס אויך[כו], הלל האט געזאגט דעם גר צוויי זאכן, "ואהבת לרעך כמוך", און "זיל גמור". ווייל אז א מענטש האט נישט געמאכט קיין פדיון הבן (כגון, כהן ולוי או מי שאינו בכור), איז ווי האט ער דער מצוה? נאר אז ער פריידט זיך אז א איד האט געמאכט א פדיון הבן, ווערט ער נכלל[כז]; אזוי אויך אז ער לערנט הלכות פדיון הבן, ווערט ער נכלל.

א מענטש אפילו ער איז נישט קיין כהן אבער ער פריידט זיך ווען דער כהן דוכנ'ט, ער פריידט זיך אז דער כהן היט אפ זיינע הלכות, צי ער לערנט הלכות קדשים, ער לערנט הלכות כהונה, ווערט ער נכלל - און עס איז אזוי ווי ער וואלט דאס געטון. אזוי זאגט דאך

---

ולדעתי, **זה עיקר מצות 'אהבת ישראל'**, לאהוב כל מעט יראה או קדושה או מידה טובה מה שנמצא בכל אחד מישראל ולהתקשר עם זה, ואזי נכללין בכל מיני טוב. ומובא בספרים הקדושים שעי"ז נחשב לפני הקדוש ברוך הוא כאילו הוא בעצמו זכה להטוב הזה, מאחר שנכלל בחבירו על ידי המצוה של 'ואהבת לרעך כמוך', ואף אם לא זכה לזה בפועל.

אבי מורי (שליט"א) [ז"ל], לאחר שחיזק אותי להתקשרות לאור קדושת רבינו, הזהיר אותי שלא ימצא הבע"ד מקום להטעות אותי לבטל ח"ו מצוות אהבת ישראל לאלו שאינם מקושרים לדעת זאת. ואמר, שאחר כל זה, אחר כל מה שזוכה להשיג בלימודי הצדיק, כשבא לידו ענין של אהבת ישראל או לעשות איזה טובה לישראל - שלא לעשות ח"ו את כל הידיעות האלו להיפך ח"ו, לביטול ולגידוף ח"ו שום אחד מישראל שאינו יודע מאוצרות הללו. כמה פעמים לכמה ענינים הגדיר לי במליצה ממאמר הגמרא "מקום יש בראש להניח בו שתי תפילין" (עירובין צח ע"ב) ודו"ל.

**כו.** עיין שער הגלגולים הקדמה ט"ז.

**כז.** עיין תולדות יעקב יוסף פר' בראשית אות א': ביאור פסוק, ה' עוז לעמו יתן (תהלים כט, יא). **קשה, איך אפשר לקיים כל אחד תרי"ג מצות התורה?** ומשני, ה' יברך את עמו בשלום, וזה מקיים מצוה א', וזה א' נחשב וכו', עכ"ל. גם עיין ישמח ישראל פר' משפטים: דאיתא בספרים הקדושים, איך אפשר לכל אחד מישראל לקיים כל התרי"ג מצות והלא כמה מצות הם רק לכהנים וללוים, וגם כמה מצוות אשר לאו כל אדם זוכה שיוכל לקיים אותם, כמו פו"ר, **אכן ע"י אהבת רעים ממש בגופו ונפשו ממילא כל התרי"ג מצות הנעשים ע"י כלל ישראל על שם אחיהם יקראו**, על כל אחד ואחד יקרא בשם מקיים כל המצות, כי כל ישראל המה בחי' קומת אדה"ר וממש לגוף אחד יחשב, אם אין ביניהם דבר חוצץ לעשות פירוד ביניהם, עכ"ל, עייעו"ש.

די גמרא[כח]: **"כל העוסק בתורת עולה, כאילו הקריב עולה"** - "כאילו הקריב" ממש; וואס מען לערנט, ווערט מען נכלל אין דער זאך.

איז ביי די צוויי זאכן (- אחדות, ועסק התורה) איז משמע אז א מענטש קען האבן ׳כל התורה כולה׳!

אז א מענטש זאל ליב האבן יעדן אידן מיט זיין עבודה, האט ער כל התורה כולה! ער איז דבוק אינעם אויבערשטן! ווייל ער פריידט זיך מיט דעם וואס אידן זענען ממליך דעם בורא עולם, ער פריידט זיך מיט דעם וואס אידן האבן ׳סור מרע׳ ווי עס דארף צו זיין, און ׳עשה טוב׳ ווי עס דארף צו זיין, איז ווערט ער נכלל אין דעם.

דאס איז א געוואלדיגע זאך; ווען כלל ישראל וואלט דאס געוואוסט - -

עס איז א מורא׳דיגע זאך!

## זיי ארבעטן אומלעגאל

אט דאס איז דער ענין וואס מען העלפט ארויס תלמודי־תורות, מען העלפט ישיבות, עס איז א מצוה לדורות! מען איז זיך משתתף מיט אידנ׳ס עבודת ה׳, דאס איז פלאי פלאות!

אויף דעם שטייט[כט]: **"בְּצֵל הַחָכְמָה בְּצֵל הַכָּסֶף"**; די וואס העלפן צו די עובדי ה׳, די וואס העלפן צו צו ממשיך זיין דער תורה - זיי זיצן און לעבן ׳בצל החכמה׳; די וואס זיצן "בצל הכסף", די לעבן "בצל החכמה" - זיי זיצן אין גן עדן!

אוודאי, עס דארף זיין טאקע מיט א רצון און מיט א שמחה וואס מען איז מעַנג די לומדי תורה, מען העלפט אז די אידישקייט זאל ממשיך זיין אויף דער וועלט.

---

**כח.** מנחות דף קי.

**כט.** קהלת ז, יב.

בפרט היינטיגע צייטן, עס איז היינט א צייט פון **"תְּנוּ עֹז לֵאלֹקִים"**[ל], כביכול מיר דארפן זיך אננעמען פאר אויבערשטן. די סטרא אחרא ארבעט 'איום ונורא'! איום ונורא! שלא כדת! שלא כדת - זיי האבן גאר קיין רשות נישט - אזוי שטייט פון **בעל שם**![לא] דאס הייסט, זיי האבן א בחינת בחירה אין דעם, און זיי ארבעטן 'שלא כדת'.

ווייל עס איז דא א כלל: **"אין גיבור כמתייאש!"**; מיט א נאָרמאַלן מענטש קען מען זיך שלאגן, אבער מיט א מיואש קענסטו זיך נישט שלאגן; אפילו דו וועסט אים אויסזעצן די אויגן, דו וועסט אים הרג'ענען, צו ער וועט אפליגן אין תפיסה - עס באדערט אים נישט, עס באדערט אים נישט אז ער וועט אליין גע'הרג'עט ווערן.

די סטרא אחרא ארבעט היינט אויף א בחינה פון "אין גיבור כמתיָאש!"[לב].

---

**ל.** תהלים סח, ל"ה.

**לא.** [עיין בעש"ט עה"ת פר' בראשית אות קמ"ז בענין 'השוחט משום מה מחייב'].

**לב.** עיין ליקוטי הל' תפילין הלכה ה', אות כ"ט: כי עכשיו התגבר הבעל דבר מאד מאד **מחמת שרואה שקרוב לבא קצו, על כן הוא מתגבר מאד.** כמו שני בני אדם הנלחמים זה עם זה כשרואה שמתגבר כנגדו וכמעט שיפול, אזי הוא מתגבר **בכל כחו** להפיל את שכנגדו. וכמו שאמר החכם: **"אין גיבור כמתיאש"**. כי הגלות הוא בחינת עיבור וכשיוצאין מן הגלות זהו בחינת לידה כמו גאולת מצרים שנקראת לידה, כמו שכתוב (יחזקאל טז), "ומולדתיך ביום הולדת אותך וכו'". וכן בגאולה אחרונה כתיב (ישעיה ס'), "כי חלה גם ילדה ציון את בניה". וכמו שכתוב (שם), "האני אשביר ולא אוליד". **ועל כן בסוף הגלות מתגבר הגלות ביותר**, כמו שהיה במצרים, כמו שכתוב (שמות ה'), "ומאז באתי אל פרעה לדבר בשמך הרע לעם הזה וכו'". וכמו שכתוב (שם), "תכבד העבודה וכו'". זה בחינת קישוי הולדה, בחינת (שם י"ג) ויהי כי הקשה פרעה לשלחנו, וכן כל היסורים והצרות שסובלים עכשיו בסוף הגלות האחרון הזה, הם בחינת חבלי לידה 'כמו הרה תקריב ללדת תחיל תזעק בחבליה' וכו'. **ועיקר התגברות הגלות שמתגבר עכשיו ח"ו**, הוא מה שהבעל דבר מתגבר מאד על נפשות ישראל לרחקם מהשם יתברך, שזהו עיקר גלות וצרות הנפש, כי חוץ מזה הכל הבל.

## דער אויבערשטער מאכט היינט גוט פרנסה...

דער **מגיד** האט געזאגט[לג], אז א קייסער איז אין גלות, איז ווער עס טוט אים נאר א טובה, ווער עס נעמט אים אריין אין שטוב, גייט ער! ער גייט ביי יעדן איינעם כל זמן ער איז נאר אביסל ריין, עפעס; נאכער ווען דער מלך קומט אָן 'על כסא מלכותו', איז ער פון די 'בני היכלא דמלכא' - דער סאטמארער רב ברענגט עס אראפ אין **ויואל משה**[לד].

עס איז א געוואלדיגע זאך היינטיגע צייטן צו טון למען שמו יתברך! ליב האבן איינער דעם צווייטן, מחזק זיין איינער דעם צווייטן! זיך פרייען מיט וואס עס דא אויף דער וועלט!

איך געדענק, ווען איך האב אמאל געלערנט ביי **רבי מאטיל סלאנים**[לה]. מען האט אים אמאל דערציילט אזעלכע מעשיות, ווי א איד וואס האט געגעבן צדקה באהאלטענערהייט, פון א גאר א אפגעהיטענער איד, פון א איד וואס היט זיך די אויגן גאר שטארק. האט ער געזאגט, "**וואס מיינט איר אז דער אויבערשטער פירט אזא שווערע וועלט - היינט מאכט ער גוט פרנסה!**"... - "די שטארקסטע"! ער איז געוועז אזא סארט - אזא שארפער...

---

**לג.** עיין ספר מגיד דבריו ליעקב אות מ"ט: דהנה **היום בזמן הגלות הוא בקל להשיג רוח הקודש יותר מבזמן הבית.** כמשל המלך כשהוא בבית מלכותו אי אפשר להתקרב אליו כ"כ כמו שהוא בדרך. שאז יוכל להתקרב אליו כל מי שירצה, אפילו בן כפר שאינו הגון לבא לפני המלך בבית מלכותו, ובדרך בפונדק שלו יכול לבוא לפניו ולדבר עמו. כך היום בגלות כשהאדם מחשב בדביקות הש"י ב"ה אזי מיד שורה עמו ושוכן אצלו. בכן ראוי לאדם שיתרחק עצמו מן התאות ומ"ז בכדי שלא יפרד ממנו ית', רק יעשה כל מעשיו לשמו ית'.

**לד.** עיין במאמר ישוב א"י אות ק"נ שמעתיק שם המשל אשר סיפר רביז"ל אודות זה (נדפס בספר כוכבי אור, סיפורים נפלאים – מעשה ממטר).

**לה.** מורינו הגה"צ שליט"א למד בשנות בחרותו בישיבת סלונים, וקירב אותו רבי מאטיל בחיבה יתירה, ואמר ליד ימינו שיבקש ממורינו שילמד אצלו כדי שיהיה לו 'תלמיד הגון' כזה, והרבה אמרי"ם וסיפורים אומר מורינו הגה"צ שליט"א משמו.

## דאס שטייפער פאלק!

על כל פנים, עס איז טאקע אזוי; וואספארא כוחות עס ליגט ביי כלל ישראל!

איך האב פונקט געלערנט אין "**שבט יהודה**" - א ראשון[לו] - דער **ביאור הלכה** דאכט זיך זאגט אז מען קען עס לערנען[לז]. ברענגט ער דארט אראפ אזעלכע שרעקליכע גזירות, אזעלכע שרעקליכע צרות, ממש עס איז א סכנה דאס צו דערציילן... אוי ווי האבן אידן אויסגעהאלטן אזעלכע שלעק ברוחניות, אזעלכע שלעק בגשמיות!

אז מיר זענען געבליבן אידן, מוז זיין אז דער אויבערשטער האט זיך גארנישט גענאַרט מיט אונז! גארנישט גענאַרט מיט אונז! גארנישט גענאַרט ממש!

אוודאי, עס איז בזכות רבי שמעון'נען!

עס איז דא א "קשה עורף" דקדושה; משה רבינו האט געבעטן דעם אויבערשטן ער זאל מוחל זיין די אידן "**כִּי עַם קְשֵׁה עֹרֶף הוּא**"![לח]

---

**לו.** לר' שלמה אבן וירגא. חי בתקופת גירוש ספרד.

**לז.** עיין באר היטב או"ח סי' ש"ז שם ובמשנה ברורה שם אות נ"ח: ואין בכלל זה יוסיפון וספר יוחסין ודברי הימים של ר"י כהן, **ושבט יהודה, שמהם ילמדו דברי מוסר ויראה.**

**לח.** עיין שמות רבה פר' מ"ב פס' ט': "מהו "והנה עם קשה עורף הוא"? ... אמר ר' יצחק בר רדיפא בשם ר' אמי, **אתה סבור שהוא לגנאי, ואינו אלא לשבחן, או יהודי או צלוב.** א"ר אבין, **עד עכשיו קורין את ישראל בחוצה לארץ האומה של קשה עורף.** גם עיין "ישמח משה" פר' אמר, ד"ה "במדרש שור או כשב", וזל"ש: "על פי מ"ש בחן טוב (פרשת תשא דף קצ"ד) **בשם חכמי קאשטיליא** על הפסוק (שם שמות לד ט) 'ילך נא ה' בקרבינו כי עם קשה עורף הוא', וז"ל בקצרה, שאמר משה להקב"ה למה יחרה אפך בעמך (שם שמות לב יא), ואם מפני קושוי ערפם ועודם מחזיקים בהטומאה שהורגלו במצרים, **הלא אדרבה זו טענה חזקה לקרבם אליך, כיון שטבעם קשה עורף וחזקים להפוך פניהם מדבר שהורגלו, כמו כן יהיו עם קשה עורף שלא ימירוך, אזי אחר שיורגלו עבודתך ויהיו חזקים באמונתם ולא ישיבו מפני כל.** וזה שאמר משה רבינו ע"ה ילך נא ה' בקרבנו, כיון שעם קשה עורף הוא כנ"ל, עכ"ל. **ונמצא הוי מליצה לזכות"**, עכ"ל בעל ה'ישמח משה' זי"ע. גם עיין מה

ברוך ה', דער אויבערשטער האט זיך נישט געענדערט; עס איז ממש נישט צו פארשטיין ווי אין אזא מין הסתר פנים וואס איז נאך קיינמאל נישט געווען, אין אזא מין דור המבול, אין אזא דור הפלגה, קען מען זיך האלטן אין דעם בורא עולם!

אויף יעדער נקודה פון איידלקייט - אויף יעדעס משהו - שטייט די וועלט! אויף דעם שטייט די וועלט! אויף וואס א איד קאטשעט זיך, ער גיט א היט דעם אויג, וואס ווען מען ווייסט ווען די גרויסקייט - -

## נישט געלאזט זאגן דער קינה

דער אר"י הקדוש זאגט דאס בפירוש 'בימיו'. בימיו איז געווען א געוויסע קינה אויף דעם וואס איז פארגעסן געווארן די סתרי תורה. האט מען אין צפת נישט געזאגט דער קינה בשעת דער אר"י איז געווען, ווייל מען קען עס נישט זאגן - ווייל דער אר"י לאזט נישט - דער אר"י הקדוש איז דאך דא, די סתרי תורה איז נישט אין גלות[לט].

זאגט דער **אר"י הקדוש** בימיו: **'מרוב הסתר פנים' איז מעַט עבודת ה' חשוב ביים אויבערשטן אזוי ווי אמאל 'תנאים ואמוראים'!**[מ]

---

שכתב החתם סופר לבאר בזה (שמות לד, ט [תקצ"ז]): "ויאמר אם נא וגו' **כי עם קשה עורף הוא וסלחת לעונינו**". וקשה, הא עם קשה עורף היה טענת הקב"ה "כי לא אעלה בקרבך כי עם קשה עורף אתה פן אכלך"? אמנם ידוע כי עזין שבאומות, ישראל, **כי עם קשה עורף הוא, ועומדים נגד ע' אומות, וסבלנו שמד הרג ואבד, וכל הרוחות לא הזיזונו ממקום השי"ת שמו** וכו' וכו' - עיין שם.

**לט.** עיין פרי עץ חיים - על כוונת ט' באב ובין המצרים, בהג"ה מהגר"י צמח (מתלמידי מהר"ח וויטאל): **גם סיפר לי החכם הר"י כהן נר"ו משם הרב ז"ל הרח"ו שלא היו חכמי אותו הדור מניחין אותו לומר בט"ב אותה קינה** שכתובה איכה השכה אור הלבנה שבה סוד התורה היש מוציא לאורה ומי הוא זה אשר הדור יגין בשבילו וכו' כל זמן שהיה הרב בצפת כי אז היה בדורו של הרב זלה"ה שהיה יודע בסודות התורה והיה ראוי שהדור מגין עליו והיה ראוי אח"כ להוסיף דברים שנפלאו ונעלמו המה סודות בפטירתו בנשיקה.

**מ.** עי' ספר "שער הגלגולים", הקדמה ל"ח: "פעם אחת שאלתי למורי ז"ל, איך היה אומר לי שנפשי היתה כ"כ מעולה כנ"ל, והרי הקטן שבדורות הראשונים, היה צדיק וחסיד, שאין

זאגט דער חיד"א: **אויב דער אר"י הקדוש זאגט דאס בימיו, איז קל וחומר בימינו**[מא].

היינט איז עס נאך טויזנט קל-וחומר'ס - בלי גוזמא כלל!

עס איז א געוואלדיגער זכות, יעדע משנה משניות וואס מען לערנט, יעדע אהבת התורה וואס מען האט!

## נישט געקענט אנדערש מקבל זיין דער תורה

אז א איד האט געענדיגט א תורה - עס איז דאך א געוואלדיגע זאך וואס א איד האט דא געטון אויף דער וועלט - ער האט גענומען געלט און געשריבן מיט דעם א תורה - 'תורה מסיני' - און מען האט עס געשריבן אויף קלף כשר; אז מען פריידט זיך מיט דעם, ווערט מען נכלל אין דעם; אז מען עסט א סעודה לכבוד דעם, ווערט מען נכלל בפשטות אין דער מצוה וואס דער איד האט געטון; אזוי איז דאס ביי אלצדינג.

דאס איז א געוואלדיגע זאך - די התכוללות פון אידן איינער מיטן צווייטן, וואס ווען מען ווייסט ווען פון דעם - - -

איי יענער האט א חסרון, אבער איך האב דען נישט קיין חסרון? ווער האט נישט קיין חסרונות? איך ווער רייך ווען יענער האט א

---

אני מגיע לעקבו? ואמר לי, דע לך, כי אין גדולת הנפש תלויה כפי מעשה האדם, רק כפי הזמן והדור ההוא. **כי מעשה קטן מאד בדור הזה שקול בכמה מצות גדולות שבדורות אחרים** כי בדורות אלו הקליפה גוברת מאד מאד לאין קץ, משא"כ בדורות ראשונים". גם עיין ליקוטי הלכות הל' שבת ה"ז, אות מ"ג: **ועל כן צריכין לידע שעתה בדורות האלו כשמתגבר האדם בתנועה קלה לשוב לה' יתברך הוא יקר אצל השם יתברך הרבה מעבודות גדולות של דורות הראשונים, וכמובא כל זה בכתבי האר"י ז"ל ובדברי הבעל שם טוב ז"ל, ובפרט מדברי אדמו"ר ז"ל.**

**מא.** עיין חומת אנך על שיר השירים פרק ז' פסוק ו'. ועיין ישמח ישראל פר' עקב אחרי שמעתיק דברי האריז"ל הנ"ל ומסיים שם בזה"ל: **"ואם בדורו אמר כן ק"ו בן בנו של ק"ו על דורות האלה!"**.

חסרון? אדרבה, זיי מתפלל ער זאל נישט האבן קיין חסרון, זיי אים דן לכף זכות אז ער האט חסרון, ער איז אין אזא ביטערער וועלט.

עס איז א געוואלדיגער כלל; ווען מען האט ווען ליב יעדן איד מיט זיין טוב, וואלט געווען א געוואלדיגער התכוללות. אזוי ווי די **גמרא** זאגט ביי א מנין[מב] אז איינער איז 'נוטל שכר כולם'; 'נוטל שכר כולם' דאס איז דאך א געוואלדיגע זאך.

מען האט נישט געקענט צוקומען צו קבלת התורה ביז מען איז נישט געשטאנען דארט **"כאיש אחד בלב אחד"**[מג]. ווייל דאס איז די ארבעט פון ספירה; משה רבינו האט זיי געפירט מיט מידת הענוה, וואס מידת הענוה איז כלול פון 'טוב עין' און פון 'חסד' און פון אלע 'מידות טובות'. אז עטליכע מיליאָן אידן זענען געשטאנען 'כאיש אחד בלב אחד', און עס איז נישט געווען קיין 'טינא' אינעווייניג איינער אויפן צווייטן, ערשט זענען זיי מוכשר לקבל את התורה![מד]

אזוי בפרטיות אויך, ווען עס קומט צו טון א גוטע זאך, א דבר שבקדושה, עס האט נישט קיין גבול און קיין ערך נישט. אויף דעם שטייט[מה]: **"מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן" - 'זה שנמנו חביריו לדבר מצוה**

---

**מב.** ברכות מ"ז ע"ב.

**מג.** עיין רש"י שמות יט, ב', בשם המכילתא.

**מד.** עיין ליקוטי הלכות הל' מנחה ה"ז אות נ"ד: **ועל כן לא נתנה תורה עד שנתקבצו ששים רבוא ישראל יחד באהבה**, כמו שאמרו רז"ל ומובא בפירוש רש"י על פסוק 'ויחן שם ישראל נגד ההר' - **כולם כאיש אחד** וכו'. וכן אמרו רז"ל על פסוק 'שובה ה' רבבות אלפי ישראל' - ללמדך שאין השכינה שורה על פחות משני רבבות ושני אלפים מישראל, הרי שהיו ישראל חסרים וכו'. **כי אי אפשר** להמשיך בחינת השראת השכינה שהוא התגלות אלקותו אלא על ידי קבוץ נפשות רבות מישראל, ע"כ. גם עיין שם הל' נזיקין ה"ד, אות י"א: והעיקר שיהיה ביניהם אהבה ואחדות בחינת אהבת החברים **שעיקר קבלת התורה היה על זה**, כמו שכתוב, ויחן שם ישראל וכו'. ופירש רש"י, כולם כאיש אחד וכו'. ועיקר האהבה על ידי השערות הנ"ל על ידי שאין מסתכלין על הרע שבחבירו רק משתדלין בכל כוחו למצוא בו טוב. אפילו אם נדמה לו שרעתו רבה אף על פי כן יחפש וימצא בו שערות טובות על כל פנים.

**מה.** קהלת א, טו.

**והוא לא נמנה עמהן**'[מו]; אז מען איז געזעצן צוזאמען, מען האט געמאכט א סעודה פאר מלוה דמלכה, און א סעודה לכבוד דער ספר תורה, איז ווער עס האט געקענט זיין און ער איז נישט געווען, איז א בחינה פון 'מעוות לא יוכל לתקון', דאס איז פונקט אזוי ווי מען זאגט - 'דעם התכוללות האסטו נישט ערשט'.

## אידן זענען העכער ווי 'בנים למקום'!

על־כל־פנים, מען דארף וויסן א זאך, איך האב עס איבערגעזאגט כמה פעמים, עס איז א מצוה דאס איינצו'חזר'ן. דער אור החיים הקדוש איז דאך געווען א בעל רוח הקודש, זיינע דרושים זענען דאך 'תורה מסיני' פשוטו כמשמעו. איז דא, אין **פרקי אבות** שטייט[מז]: **"חביבין ישראל שנקראו 'בנים למקום'; חיבה יתירה נודעת להם שנקראו 'בנים למקום'** - אז זיי ווייסן דאס.

דאס הייסט, עס איז דאך דא זאכן וואס מיר ווייסט נישט; עס וואלט געקענט זיין אז מען איז א איד און מען איז מקיים דער תורה, אבער דאס אז מיר האבן א דין ווי 'בנים צום אויבערשטן' - דאס וואלט קיינער נישט געוואוסט...

איז 'ראשית כל', (חביבין ישראל) וואס מיר זענען בנים'; נאכער - אז מיר ווייסן אז מיר זענען 'בנים' - דאס איז א 'חיבה יתירה'; דער אויבערשטער האט געוואלט מיר זאלן דאס וויסן און מיר זאלן זיך פרייען מיט דעם!

לכאורה וואלט אבער געדארפט שטיין אזוי, "חביבין ישראל שנקראו בנים למקום, שנאמר[מח]: **'בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם'**", און נאכער וואלט געדארפט שטיין "חיבה יתירה נודעת להם שנקראו בנים

---

**מו.** חגיגה דף ט' ע"ב.

**מז.** פ"ג, מי"ד: חביבין ישראל שנקראו בנים למקום. חיבה יתרה נודעת להם שנקראו בנים למקום, שנאמר 'בנים אתם לה' אלקיכם'.

**מח.** דברים יד, א.

למקום"; למעשה שטייט אבער: "חביבין ישראל שנקראו בנים למקום" - און עס שטייט נאך נישט דעם פסוק. ערשט נאך "חיבה יתירה נודעת להם שנקראו בנים למקום", ערשט שטייט, "שנאמר 'בנים אתם לה' אלקיכם'".

זאגט דער **אור החיים הקדוש**[מט] [עס שטייט נישט אין אור החיים הקדוש על התורה, **רבי אשר זעליג מרגליות** האט געמאכט א ספר פון אלע ווערטער פונעם אור החיים הקדוש וואס שטייט נישט אין "אור החיים על התורה"; דער **חיד"א** האט עס געהערט פון דעם אור החיים הקדוש[נ] - דער חיד"א איז געווען ביי אים אין ישיבה]; עס איז דאך דא א כלל אין דער תורה הקדושה אז מען זאגט "**מקצת שבחו של אדם בפניו, וכולו שלא בפניו**"[נא]. עס איז א דרך ארץ וואס די תורה האט אונז געלערנט - 'בפני האדם' איז א מצוה צו משבח

---

**מט.** עיין בספרו חפץ ה' על מס' שבת דף פט ע"ב, שנדפס לאחרונה שוב, ועיי"ש היטב כי בסוף דבריו מוסיף ומשלים הבנין, וז"ל: וראיתי לפרש לדרך זה ממה דאיתא בפרקי אבות דקתני "חביבין ישראל שנקראו בנים למקום, חיבה יתירה נודעת להם שנקראו בנים למקום שנאמר בנים אתם לה' וכו'". לכאורה אין לו הבנה, מעיקרא הוא כפול, דהכי הול"ל, חביבין ישראל שנקראו בנים למקום שנאמר בנים וכו'. אי נמי, חביבין ישראל חיבה יתירה וכו'. ועוד, מאומרו חביבין וכו' שנקראו בנים והדר תני חיבה יתירה, משמע, מלבד האמירה שנקראו בנים באנו לראות החיבה היתירה. אשכחן לה דהיא עצמה ולא יותר. ועוד, מהו נודעת להם? אכן הכוונה היא, דידוע הוא אמרם ז"ל אקרא "דאותך ראיתי צדיק לפני וכו'", ולעיל כתיב "צדיק תמים", אומרים מקצת שבחו של אדם בפניו וכולו שלא בפניו, והכא הכי קאמר התנא 'חביבין ישראל שנקראו בנים למקום - זו חיבה אחת. חיבה אחרת נודעת והודיענו אותה הב"ה במה שכתוב 'בנים אתם' וקא קרי להו בנים בפניהם, כאומרו, בנים אתם - ומהנמנע כי כל שבחייהו ריש' קאמר להו בפניהם, כי אין אומרים בפני האדם כי אם מקצת שבחו כאשר למדנו מנח ע"ה. אמור מעתה, פשיטא כי עוד יש להם מעלה אחרת, אשר היא מה שקורא אותם ה' "בנים" הוא מקצת, א"כ נודעת להם חיבה יתירה, **ומאי היא האי דבני בכורי שהוא יותר מעולה. ולזה קרי להו "בנים" בפניהם, שהניח כל השבח שהוא "בכורי" שלא בפניהם. וגם כהא דאומרם "לא זז מחבבם עד שקראם בנים וכו' ולא זז מחבבם עד שקראם אחים", א"כ שיש להם חביבות אחריני, וכולן נודעו לנו ממה שקרא להם בפניהם "בנים אתם"**.

**נ.** כך כתב בספרו "חסדי אבות" על המשנה באבות שם.

**נא.** עירובין דף י"ח ע"ב.

זיין א אידן - אבער נישט 'כולו'; 'כל שבחו' זאגט מען נאר 'שלא בפניו'.

(ולמדוהו:) נח'ן האט דער אויבערשטער געזאגט[נב]: "**כִּי אֹתְךָ רָאִיתִי צַדִּיק**", דאס איז געווען 'בפניו'. אבער בשעת משה רבינו האט געשריבן דער תורה הקדושה, האט אים דער אויבערשטער געזאגט - ער איז געווען גרעסער ווי "צדיק", און ער האט אים געהייסן שרייבן[נג]: "**אִישׁ צַדִּיק תָּמִים**", דאס איז געווען גרעסער פון וואס ער האט אים געזאגט, ווייל עס איז געווען 'שלא בפניו'.

זאגט ער, "חביבין ישראל שנקראו בנים למקום"; עס איז דאך א מורא'דיגע זאך, דער אויבערשטער דאך האט אזא מלוכה, אזא מלוכה, 'אין־סוף' ממש, דער עולם האצילות איז דאך אין־סוף און למעלה מאין־סוף, עס האט דאך נישט קיין גבול וואספארא בריאה דער אויבערשטער האט באשאפן - און מיר זענען די בנים! - עס איז דאך א געוואלדיגער זכות!

וואלט מען דאס געוואוסט, וואלט מען זיך אנדערש געפירט; מיר דארפן זיך פירן אנדערש ווי אלע נבראים אויף דער וועלט - מיר זענען דאך 'בנים למקום'! די גשמיות דארף זיין אנדערש, אלעס דארף זיין אנדערש, מיר זענען 'בנים למקום', דאס איז דאך א שרעקליכע זאך!

זאגט ער, אבער "חיבה יתירה נודעת להם שנקראו 'בנים למקום' שנאמר 'בנים אתם לה' אלקיכם'". דאס הייסט, פון דעם וואס מען זאגט אונז 'פנים בפנים' אז מיר זענען 'בנים', איז א סימן אז עס איז נאר 'מקצת שבח', אבער אינ'אמת'ן זענען מיר העכער ווי "בָּנִים" - אזוי זאגט דער אור החיים הקדוש.

דער אור החיים האט דאס געקענט זאגן!

---

**נב.** בראשית ז, א.

**נג.** שם ו, ט.

דער דרש איז א דרש אמיתי.

דאס איז א מצוה צו וויסן!

מיר זענען זייער גרויס!

אוודאי, מצד אחד גיט עס אונז א געוואלדיגע שמחה! מען דארף בעטן דעם אויבערשטן זאל העלפן אונז און גאנץ כלל ישראל אפילו מיר פארשטייען נישט ברוחניות ובגשמיות, אוודאי, מיר זענען גאר גאר הויך!

עס קומט אונז - - עס איז ׳בלי גבול׳ וואס עס קומט אונז!

## א טאטע וויל זיין קינד זאל זיין גוט

עס ווערט געבראכט פון דעם בארדישטוב׳ער רב אין **קדושת לוי** דארטן אויף די ׳שש זכירות׳. זאגט ער דארטן[נד]: **״אמונה חזקה תקועה בלבנו״** אז ווען דער אויבערשטער גיט אידן שפע גשמי, רעכנט ער זיי נישט אראפ פון עולם הבא!

חס ושלום!

א טאטע וויל א קינד!

ער פריידט זיך אז פאר זיינע קינדער איז גוט!

אט דאס איז ביי אונז - זאגט ער - ״אמונה חזקה תקועה בלבנו״.

**רבי מאיר׳ל פרעמישלאנער** האט געזאגט: **׳רבונו של עולם, פאר אידן זאלסטו נישט קאַרגן קיין געלט, ווייל אזויפיל וויפיל דו גיבסט זיי,**

---

**נד.** אצל זכירת שבת, וזל״ש: ועל פי זה פירשנו פירוש הכתוב בפר׳ נצבים (דברים ל, ט) ׳והותירך ה׳ אלקיך וכו׳ בכל מעשה ידיך וגו׳ לטובה כי ישוב ה׳ לשוש עליך לטוב כאשר שש על אבותיך ע״כ, דהענין הוא שהשי״ת ב״ה אין מנכה לעושי רצונו מרב טוב הצפון ליראיו בעוה״ב מה שאוכלין בטובה בעוה״ז, **כי אמונה זו תקועה בלבנו אמונה שלימה שהשי״ת מתענג מטובה שמשפיע לצדיקים אפילו טובות הגשמי בעוה״ז**, וכיון שהשי״ת שמח בהשפעת עושי רצונו למה ינוכה משכר עוה״ב, אך כל הזכיות שמור לעולם הנצחיי, עכל״ק שם; עיין שם בהמשך פירוש הפסוק לפ״ז בפנים.

**צוויי-שליש קריגסטו סייווי צוריק!**׳; דא פאר שבת מיט יום טוב; קינדער אין ישיבות; איך מיין, ער באקומט מער ווי צוויי-שליש; וואס גייט נישט פארן אויבערשטן?! מען דארף נאר האבן די ריכטיגע כוונות.

על־כל־פנים, די זאך, אז מיר ווייסן אז מיר זענען העכער ווי ׳בנים׳, דאס איז דאך א מורא׳דיגע זאך, מען דארף זיך אנדערש פירן! מיר זענען גאר הויך און זייער חשוב. אונזער ׳סור מרע׳ איז זייער חשוב, און אונזער ׳עשה טוב׳ איז זייער חשוב. בפרט אז דער אר״י הקדוש זאגט אז בזמן הזה, יעדער ׳עשה טוב׳, יעדע ׳סור מרע׳, איז חשוב׳ער ווי די תנאים ואמוראים!

מיר זענען די מובחרים אין דער וועלט!

די מובחרים אין דער וועלט בלי שום ספק כלל!

דאס איז אמונה אין הלכה למשה מסיני פון **״המבדיל בין קודש לחול בין אור לחושך בין ישראל לעמים״**.

פונקט ווי א מענטש ווייסט אז ער דארף גלויבן אין בורא עולם און אין דער תורה, אזוי דארף ער גלויבן אין זיך[נה], און גלויבן אין יעדן נפש מישראל.

מיר זענען דאך אַן **״עם סגולה״**. א ״סגולה״ איז וואס מען קען נישט פארשטיין[נו]. פשט איז, וויבאלד מיר זענען ׳במחשבה תחילה׳,

---

**נה.** עיין שיחות הר״ן אות ק״מ: והכלל המובן מדבריו, שהאדם צריך שיהיה לו **אמונה בעצמו** שגם הוא חביב בעיני השם יתברך. כי לפי גדולת טובתו של השם יתברך גם הוא גדול וחשוב בעיניו יתברך, ע״כ. עיין על זה באריכות יותר בליקוטי הלכות הל׳ פקדון ה״ה אות ז׳.

**נו.** עיין ליקוטי מוהר״ן סי׳ כ״א אות ט׳: כי אנחנו נקראים **׳עם סגולה׳** (דברים ז), כמו סגולה שעושין לרפואה, אף על פי שאין הטבע מחייב שיהיה זה לרפואה, אף על פי כן הדבר הזה מסוגל לרפואה, וזה למעלה מהטבע, שאין השכל האנושי מבין זה, כמו כן אנחנו לָקח אותנו השם יתברך לעם סגולתו, **אף על פי שאין השכל האנושי מבין את כל זה** איך לקח עַם מתוך עמים, כמו בשעת קריעת ים סוף, שקטרג מדת הדין: הללו עובדי עכו״ם וכו׳ (בראשית רבה פרשה נ״ז ובשמות רבה פרשה כ״א), אף על פי כן, הקדוש ברוך הוא לקח אותנו לעם קדוש. נמצא שזה הדבר כמו סגולה **שהוא למעלה מהטבע, למעלה משכל אנושי**.

האבן מיר א קשר מיטן אויבערשטן 'למעלה מבחינת בן' וואס מען האט נישט קיין השגה אין דעם![נז]

אבער על־כל־פנים, דאס (- חביבין ישראל וכו') דארף מען לערנען אזוי ווי מען לערנט יעדער דבר תורה, דאס איז א מפורש'ע משנה, א משנה מיט א פסוק, פשוטו כמשמעו.

## טוה תשובה אָן האַרץ

עס איז דא א געוואלדיגער חיזוק פון דעם רבי'ן **רבי יהונתן**[נח]. עס שטייט[נט]: "**דִּרְשׁוּ ה' בְּהִמָּצְאוֹ, קְרָאֻהוּ בִּהְיוֹתוֹ קָרוֹב, יַעֲזֹב רָשָׁע דַּרְכּוֹ, וְאִישׁ אָוֶן מַחְשְׁבֹתָיו, וְיָשֹׁב אֶל ה' וִירַחֲמֵהוּ, וְאֶל אֱלֹקֵינוּ כִּי יַרְבֶּה לִסְלוֹחַ**". וואס איז דער לשון "כי ירבה לסלוח"? זאגט ער גאר אַן אינטערעסאנטע זאך, עס איז דא אמאל א איד וואס ער איז אזוי צעבראכן, אזוי צעבראכן, ער וויל דאווענען, ער וויל לערנען, זאגן תהלים. זאגט אים דער יצר הרע, "וואס איז ווערד דיין דאווענען? דו קענסט דאך נישט מכוון זיין - דאוון נישט, דו ביסט סייווי נישט מכוון, דו קענסט דען מכוון זיין?

[עס איז א פשוט'ער שכל; אז א מענטש האט אמאל שונאים וואס צעקלאפן אים ביזן מח; דער מענטש איז דאך נאר א בשר ודם - 'ער קען דען מכוון זיין? ער קען נישט מכוון זיין!'].

---

**נז.** עיין ליקוטי מוהר"ן סי' ל"ג אות ה': יש שני מיני אהבות, אחת שהיא אהבה שביָמים, כמו שמובא לעיל "יומם יצוה ה' חסדו" יומא דאזל עם כולהו יומין. שבכל יום, היינו שבכל מידה ומידה, יש שם אהבתו של השם יתברך עם ישראל, וזה שבפועל. **ויש אהבה שהוא בכח, היינו האהבה שהיה בין ישראל לאביהם שבשמים קודם הבריאה, שהיו ישראל עדיין בדעתו ובמוחו.** למשל, יש אהבה שהאב אוהב את בנו, שכל אדם יכול להשיג זאת האהבה. **והתקשרות והאהבה שיש בין הבן ובין האב כשעדיין הבן במח האב קודם ההולדה, זה ההתקשרות והאהבה אין אנו יכולין להשיג עכשיו.** כי אין משיגין עכשיו כי אם בזמן ובמידות, ואהבה שבדעתו ובמוחו היא למעלה מהזמן והמידות, ואינו מלובש בשום לבוש.

**נח.** מובא ביערות דבש ח"א דרוש ט"ו.

**נט.** ישעי' נה, ו-ז.

איז גלייך קומט דער בעל דבר, 'דו ביסט סייווי גארנישט ווערד - נישט ברוחניות און נישט בגשמיות' - ער איז אים מרחיק פון אויבערשטן.

זאגט ער, אדרבא, אויב דו ביסט צעבראכן, איז דאך **"אֶשְׁכּוֹן וְאֶת דַּכָּא"**[ס]; אז א איד איז צעבראכן, איז דער אויבערשטער נאנט צו אים; אז א קינד איז קראנק, איז דער טאטע גלייך נאנט צו אים; אדרבה, ערשט איז "דרשו ה' בהמצאו".

פשט איז, אז דו ביסט צעבראכן ברוחניות ובגשמיות, איז "דרשו ה' בהמצאו", ערשט איז דער אויבערשטער ביי דיר, ערשט איז דער אויבערשטער ביי דיר, אדרבה!

איי איך בין דאך נישט מכוון? זאגט ער, "יעזוב רשע דרכו" - לאז אפ דעם דרך פון דעם רשע, פון דעם יצר הרע וואס זאגט דיר אז דיין דאווענען איז נישט קיין דאווענען, אז דיין תהלים איז נישט קיין תהלים, און אז דו דאוונסט אָן כוונה, פרעג אים נישט, "יעזוב רשע דרכו".

"וישוב אל ה'", זאגט ער, טוה תשובה אפילו בדיבור, אָן הארץ, טוה תשובה אָן הארץ, זיי מתפלל אָן הארץ, דאוון אָן הארץ, לערן אָן הארץ.

### וואס אברהם אבינו האט מעגליך נישט געוואוסט

"ואל אלקינו כי ירבה לסלוח". וואס איז דער 'כי **ירבה** לסלוח'? [זאגט דער רבי ר' יונתן, דער מדרש זאגט[סא] אויף דעם - **"זהו עשירית איפה שוויתר הקב"ה משלו"**].

זאגט ער אזוי; וואס ברענגט מען בדרך כלל פאר א קרבן? פאר א קרבן ברענגט מען א בעל חי' - א גוף מיט א נפש - צו וויזן

**ס.** ישעי' נז, טו.

**סא.** ויק"ר ג, ג.

אז מען איז פארזינדיגט; ווייל ווען מען פארברענט דעם קרבן, דעם גוף מיטן נפש, פארן אויבערשטן, דארף מען שפירן אז למעשה וואלט מען דאס געדארפט טון אויף זיך אליין, נאר דער אויבערשטער האט רחמנות געהאט; ״**אָדָם וּבְהֵמָה תוֹשִׁיעַ ה׳**״[סב], די בהמה באקומט אויך איר תיקון מיט דעם.

דאס איז טאקע דער סוד פון ׳סמיכה על הקרבן׳, אז עס גייט אריין די גאנצע רע פון דעם מענטשן אין דעם קרבן, און עס ווערט פארברענט פארן אויבערשטן, וואס דורכדעם ווערט מתוקן די גאנצע זאך.

אבער א ׳מנחת סולת׳, די ׳עשירית האיפה סולת׳, דאס ברענגט מען דאך א גוף אָן קיין נשמה (כי אינה מבעל חי), און אט דאס נעמט דער אויבערשטער פון דעם ארעמאן.

קומט אויס, ״עשירת האיפה״ איז פשט, איך בין א גוף אָן א נשמה - מיין נשמה איז נישטא! איך שפיר נישט, עס איז מיר פאר׳תַּמ׳ט מיין קאפ, איך שפיר נישט, נאר בחיצוניות טוה איך תשובה.

זאגט ער א פלא׳דיגע זאך, וואס דאס שטייט אויך אין **ליקוטי הלכות**[סג]. אברהם אבינו האט דאך אלץ געוואוסט - ׳כל התורה כולה׳

---

**סב.** תהלים לו, ז.

**סג.** הל׳ מנחה ה״ז, עיין שם מאות מ׳-מ״ד, נ״ז-נ״ח, צ׳, וזה תוכן דבריו הנוראים שם: אף על פי שאין החוטא יכול להביא פר ואיל וכבש, ואפילו עופות תורים ובני יונה אין ידו משגת להביאם, אף על פי כן מצא לו ה׳ יתברך תקנה ברחמיו המרובים, שיביא על כל פנים עשירית האיפה קמח. ובזה גילה לנו ורמז לנו שרחמיו לא כלים לעולם, **שאפילו** אם אין האדם יכול לשוב בתשובה כראוי לפי מעשיו כמו בעלי תשובה הקדמונים שהיו מתענים ומסגפים עצמן הרבה מאד כידוע. **אעפ״כ** חלילה חלילה למנוע ח״ו מחמת זה מתשובה, **כי גם נקודה טובה אחת** של בחינת תשובה **יקר מאד** בעיני ה׳ יתברך ... וזה שכתב במדרש רבה פרשת ויקרא ובמדרש רבה פרשת לך לך, **כל הקרבנות גילה הקב״ה לאברהם אבינו ע״ה חוץ מעשירית האיפה.** כי זה הסוד של קרבן מנחה שהיא עשירית האיפה שהיא קרבן עני ודל בדלי דלות וכו׳, זה אי אפשר להשיג **מחמת שהגאולה האחרונה תלויה בזה.** כי בזה תלוי עיקר תיקון התשובה **לבלי ליאש עצמו אפילו בדלי דלי דלות** וכו׳ בכל הבחינות כנ״ל. אעפ״כ יתגבר עצמו במה שיוכל שהיא בחינת עשירית האיפה שהיא קרבן עני, דהיינו

- אלע קרבנות האט ער געוואוסט - אזוי שטייט אין **זוהר חדש**, אזוי אויך די אלע חידושי תורה וואס דער אויבערשטער האט מחדש געווען דעם טאג - האט ער עס געלערנט, און זיך מפלפל געווען אין דעם - און ער האט עס מקיים געווען. נישטא קיין זאך וואס ער האט נישט געוואוסט; זיינע 'שני כליות' זענען געווען זיינע 'שתי רבותיו'[סד]; ער האט אלץ געוואוסט.

איין זאך איז א מחלוקת אין מדרש[סה] צו מען האט אים דאס אויסגעזאגט צו נישט, דאס איז דער סוד פון "עשירת האיפה".

וואס איז דער סוד?

דער סוד איז, אז א מענטש טוט תשובה בחיצונית, ער איז צעקלאפט און צעבראכן, ער זאגט נאר עברי, אט דאס ווייסט נאר

---

שתשובתו היא בקטנות עצום מאד ... ועין מה שאיתא שם במדרש ויקרא הנזכר לעיל (פרשה ה) שאמר רב זעירא על פסוק **ואל אלקינו כי ירבה לסלוח**, **אף הקדוש ברוך הוא ויתר לנו סליחה אחת משלו, ואיזו? זו עשירית האיפה**. והפירוש אינו מובן לכאורה. אך הכונה היא שזה החסד שסולח ע"י עשירית האיפה הוא יתברך מוותר משלו, **כי לא גילה זאת לאברהם אבינו שירבה לרחם ולסלוח כל כך**. כי לא גילה רק החסד והרחמים שמרחם על ידי בחינת שארי הקרבנות הגדולים שמרמזים בעגלה משולשת ותור וגוזל, שהם בחינת פָּרים וכו' כמבואר במדרש. אבל סוד ריבוי הסליחה של בחינת עשירית האיפה, זה לא גילה אפילו לאברהם אבינו, ואפילו למאן דאמר שגילה לו, היה רק ברמז. רק הוא יתברך מוותר סליחה אחת משלו בחינת ואל אלקינו כי ירבה לסלוח. **וזה הדבר אי אפשר לגלות בפירוש עד היכן רחמיו וריבוי סליחתו מגיע**, רק כל אחד צריך להבין מעצמו שיחוס על עצמו תמיד ואל יתייאש עצמו מן הרחמים ... והוא סוד שאי אפשר להשיג עד היכן רחמיו מגיעים כל זמן שאינו מתיאש עצמו מהצעקה ותפילה כמו שגילה אדמו"ר ז"ל בהשיחה הנ"ל המובאה לעיל עיי"ש היטב ... וזה שמחזק הנביא את ישראל שישובו, כמו שכתוב בהפטרת דרשו ה' וכו' שמזרזם ומחזקם שם מאד מאד שישובו אל ה' **אף אם חטאו כמו שחטאו**, כמ"ש שם יעזוב רשע דרכו ואיש און מחשבותיו וישוב אל ה' וירחמהו ואל אלקינו כי ירבה לסלוח, כי לא מחשבותי מחשבותיכם וכו', כי אתם חושבים התרחקות ח"ו ואני רוצה רק לקרב. וכמו שפרש"י שם.

**סד.** עיין בראשית רבה צה, ג': ומהיכן למד אברהם את התורה? רבן שמעון אומר, נעשו שתי כליותיו כשתי כדים של מים והיו נובעות תורה. ומנין שכן הוא? שנאמר (תהלים טז) 'אף לילות יסרוני' וגו'.

**סה.** ויק"ר ג, ג.

דער אויבערשטער זיין האַרץ! דאס איז 'נעלם נעלם נעלם' ווי אזוי דער אויבערשטער נעמט אָן אט די טרוקענע תפילה!

אט דאס איז דער "ואל אלקינו כי ירבה לסלוח" - ער איז מרבה לסלוח אפילו ער האט תשובה געטון נאר בחיצונית, ווייל ער איז צעקלאפט און צעבראכן, ער קען נישט תשובה טון בפנימיות, ער האט אזא מין שבר רוח וואס ער קען נישט תשובה טון בפנימיות, נעמט אים דער אויבערשטער אָן אפילו ער טוט נאר תשובה בחיצונית.

עס ווערט געבראכט[סו], פארוואס האט דאס דער אויבערשטער נישט מגלה געווען פאר אברהם אבינו'ן? ווייל ער האט דעמאלס נאכנישט געדארפט וויסן דעם סוד; ערשט גיבן די צדיקים אראפ דעם סוד, היינט, אין אזא טומטום הלב, ווען מען אזוי צעקלאפט, אזוי צעבראכן, בגשמיות ברוחניות, פאר אונזערע נפשות!

דאס איז א סוד עליון!

דער אויבערשטער האט אזא קשר מיט אידן, אז ווי מיר קוקן אויס - דעם קשר וועט ער נישט אפטון פון אונז בשום אופן שבעולם - אזוי חשוב זענען מיר ביים בורא עולם!

דער אויבערשטער זאל העלפן, מען זאל זיך באנייען!

---

**סו.** ליקוטי הלכות שם, וז"ל: ועל כן זה הסוד לא נתגלה אפילו לאברהם אבינו ע"ה, כי אי אפשר לגַלות זה הסוד רק כל אחד צריך להבין מדעתו כי רחמיו לא כלים. כאשר גילו לנו הצדיקים בדורות אלה, **כי עיקר זה הענין אי אפשר לגלות כי אם על ידי הצדיקים שבדורות האחרונים האלה שהסט"א התפשטה מאד** אבל ה' יתברך שולח בסוף צדיקים שהם בחינת התנוצצות משיח כמובא בכתבי האר"י ז"ל הרבה בזה. כי עיקר זה הענין לגלות ולהודיע עוצם החסד הזה שיכולין להתתקן אפילו על ידי בחינת עשירית האיפה, זה מתגלה רק בכל דור ודור על ידי הצדיקים הגדולים שממשיכין התנוצצות משיח ... ועל כן באמת יש דעה במדרש שגם לאברהם אבינו נתגלה סוד עשירית האיפה רק שהיה ברמז כמו שמובא שם במפרשים. כי באמת אי אפשר לגלות זה הסוד כי אם ברמז שיבין האדם בעצמו עד היכן צריך להתחזק. **כי אי אפשר בשום אופן לגלות לו בפירוש, כי אם כן תתבטל הבחירה, כי בהכרח שישאר לו בחירה.**

אוודאי דארף כלל ישראל מיטנעמען פון דער הארה פון רבי שמעון בר יוחאי. עס דארף טאקע זיין א ריכטיגע אהבת ישראל פון ליב האבן יעדן טוב, פון זיך פרייען מיט יעדן טוב, און בענקען - 'ווען וועל איך עס קענען טון', און אז 'מיינע קינדער זאלן זיך קענען פירן אזוי', מען זאל נכלל ווערן איינער אינעם צווייטן, און מיר זאלן קענען זיין פון די וואס גיבן "תנו עוז לאלקים"!

די גאולה וועט זיין דווקא מיט דעם וואס מיר זענען ממליך דעם אויבערשטן דווקא אין אזא הסתר פנים, אט דאס וועט ברענגען דער גרעסטער גילוי אין דער וועלט.

דער אויבערשטער זאל העלפן, אין זכות פון זיך מייחד זיין דעם שבת, פון רעדן דברי אמונה, פון דאס זינגען דברי אמונה, זאל דער אויבערשטער העלפן עס זאל נמתק ווערן אלע דינים פון גאנץ כלל ישראל, און דער אויבערשטער זאל אונז אלעמען מקרב זיין בחסד וברחמים, און משפיע זיין אויף אונז שפע ברכה והצלחה ללא פסיק 'לעולמי עד ולנצח נצחים'.

# יאמֵץ לבך

מיין טאטע ע"ה האט מיר געזאגט אז עס שטייט אין רמב"ן, איך האב עס געזען פון רבי צדוק'ן, מן הסתם שטייט עס נאך פון פריערדיגע, **בשעת מען איז מקיים די מצוה פון מזכיר זיין יציאת מצרים, דארף מען גלייבן אז דער אויבערשטער קען מיר ארויסנעמען פון מצרים און מקרב זיין צו "פָּנִים בְּפָנִים דִּבֶּר ה' עִמָּכֶם"!** – דאס איז די גרעסטע התקרבות, דאס דארף מען אריינברענגען אין זיך, ווייל אזוי וועט זיין סוף כל סוף!

זאל דער אויבערשטער העלפן עס זאל טאקע זיין נישט מיט קיין צער, נישט מיט קיין עגמת נפש, נאר טאקע מיט דעם וואס מען דערמאנט יציאת מצרים, גלייבן אז אין מצרים איז מען געווען אין די ערגסטע מצבים אין דער וועלט ברוחניות ובגשמיות – און דער אויבערשטער האט געהאלפן! – אט דאס דארף אריינברענגען אין א מענטשן אז ער קען ארויסגיין פון אלע פלאנטערן!

**דער בעל דבר פארפלאנטערט יעדן מענטשן בגשמיות וברוחניות אז עס דאכט זיך אים אז ער וועט נישט ארויסגיין לעולמי עד! – גלייב אז דער אויבערשטער קען דיר ארויסנעמען! דארטן האט זיך געטון גרעסערע נפלאות!**

(מתוך דב"ק בשיעור הכנה לפסח שנת תשס"ו לפ"ק)